ת"ת תורה ויראה
דרב"י מסאטמאר
קרית יואל
בנשיאות כ"ק מרן
אדמו"ר שליט"א

בעזהשי"ת

# זקניך ויאמרו לך

גליון
ר"ח
ויגש תשע"ב לפ"ק
כיתה ח' ט'

תתתתשעא) עס האט דערציילט אונזער זיידע

## הרה"ח ר' ישראל יודא ניימאן ע"ה

### מזמין געווען א שופר אויפן שיף

דער זיידע איז געווען א געווייקטער חסיד'ישער איד, ער האט אינדערהיים געוואוינט אין ליזענסק, און ער האט זוכה געווען צו קענען אסאך גדולי ישראל. ווי הרה"ק רבי ישכר דוב מבעלזא זי"ע, און ער איז געווען א תלמיד פון הרה"ק רבי קלונימוס קלמן מפיאצעסינא זצ"ל בעל חובת התלמידים אין ווארשא.

נאכן קריג איז ער געווען פון די געציילטע פוילישע אידן וואס האבן זיך מדבק געווען אין רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע מיט א קשר אמיץ, און במשך אלע יארן האט ער זיך נישט אוועק גערירט פון אים. נישט פארפאסנדיג כמעט קיין טיש וכדומה.

בשנת תשי"ט לפ"ק ווען דער רבי איז געפארן קיין ארץ ישראל איז ער מיטגעפארן מיטן רבי'ן אויפן וועג אהיים איז געווען ראש חודש אלול, און מ'האט געדאווענט אויפן שיף. נאכן דאווענען פרעגט דער רבי פונעם משב"ק ר' יוסף אשכנזי ז"ל "וואו איז דער שופר?", כאפט זיך ר' יוסף אז ער האט פארגעסן מיטצונעמען א שופר. דעם רבי'ן האט דאס זייער געשטערט אז ער וועט נישט האבן קיין שופר צו בלאזן חודש אלול ווי עס ווערט געברענגט דער מנהג.

פלוצלונג נעמט דער זיידע ארויס א שופר און ער גיט דאס פארן רבי'ן. דער רבי האט אויפגעשיינט, און ער האט געבלאזן מיט דעם. דערנאך האט אים דער רבי געפרעגט "וואו איז דיר בייגעפאלן מיטצונעמען א שופר?", האט ער געענטפערט "איך בין באמת קיינמאל נישט געווען קיין בעל תוקע, נאר יעצט פארן אהיימקומען בין איך געגאנגען אויף מאה שערים איז איינער געשטאנען אויפן גאס און פארקויפט שופרות, האב איך געטראכט אז איך האב דאך גארנישט געקויפט קיין מתנות פאר די קינדער, וועל איך זיי קויפן א שופר, און אזוי האב איך דעם שופר".

דער רבי האט אזוי הנאה געהאט דערפון, און ער האט געבעטן דעם זיידן אז ער וויל האבן דעם שופר אויף ראש השנה צו קענען בלאזן דערמיט די תקיעות. וכך הוה.

עטליכע יאר שפעטער וועט דער זיידע איז אריין פאר ר"ה זיך געזעגענען ביים רבי'ן, האט אים דער רבי געבעטן אז ער זאל אים ברענגען דעם שופר אויף ר"ה ביי די תקיעות. עס האט אויסגעזעהן אז דער שופר האט געהאט ביים רבי'ן א שטארקע חשיבות צוליב דעם וואס דער אייבערשטער האט אים דאס מזמין געווען בהשגחה פרטיות אויף די שיף. (די יארצייט איז אויסגעפאלן די וואך ב' טבת העעל"ט). (יעקב יושע שעהנברון)

תתתתשעב) עס דערציילט אונזער זיידע

## הרה"ח ר' יחזקאל שרגא פריעדמאן שליט"א

### ווי קאן מען זאגן ליגנט?!

דער רבי מרן הדברי יואל זי"ע האט אמאל געדארפט גיין צו א דאקטער, און די אפוינטמענט איז געווען אויף 11 אזייגער. נאר געווענליך פלעגט זיך דער רבי אלס פארשפעטיגן און אנקומען שפעט צו די אפוינטמענט, האט דער הויז-בחור געקלערט אז ער וועט זאגן פארן רבי'ן אז מ'דארף זיין ביים דאקטער צען אזייגער, אזוי וועט מען כאטש זיין צייטליך 11 אזייגער.

וכך הוה, דער רבי האט געדאווענט פריער, און עפעס נאך צען אזייגער איז מען ארויסגעפארן צום דאקטער. דער רבי האט באלד באמערקט אז דער מצב איז צי רוהיג, און אנשטאט וואס געווענליך פלעגט מען זיך זייער יאגן פארט מען יעצט זייער געמיטליך האט ער געפרעגט דערויף, האט מען אים דערציילט אז באמת איז דער אפוינטמענט 11 אזייגער, מ'האט נאר אנדערש געזאגט ווייל מ'האט מורא געהאט אז מ'וועט פארשפעטיגן.

דער רבי איז ממש געווארן אויסער זיך, און ער האט זיך נישט געקענט בארוהיגן "ווי קאן א איד זאגן ליגנט, ווי קאן א איד זאגן ליגנט?! און א לענגערע צייט איז ער ממש געווען זייער ברוגז אויף דעם משב"ק אז ער האט געקענט זאגן ליגנט. (יואל נתן פריעדמאן, משה ארי' פריעדמאן, יושע פריעדמאן, יושע לאנדא, יעקב משה פריעדמאן).

תתתתשעג) עס דערציילט אונזער זיידע

## הרה"ח ר' עזריאל גליק שליט"א משב"ק

### פארוואס פונקט 'אלעזר'?!

מיין טאטע הגה"ח רבי יושע גליק זצ"ל האט געוואוינט אין קראלי, ער האט דארט געהאט א ידיד נאמן מיט וועמען ער איז געווען געקניפט און געבינדן בעבותות אהבה הגה"ח רבי אלעזר האלפערט זצ"ל, זיי זענען ביידע געווען תלמידי חכמים וחסידים אנשים מורמים מעם.

רבי אלעזר האט ליידער לאנגע יארן נישט געהאט קיין קינדער, און ער האט זיך שוין געהאט מזכיר געווען ביי אלע צדיקי הדור. איינמאל האט אים דער רבי זי"ע צוגערופן פרייטאג צונאכטס ביים טיש און געזאגט "אלעזר, דו דארפסט דאך א ביין, דא האסטו א ביין". א יאר דערויף האט ער געהאט א אינגל.

ווען ער האט געפרעגט דעם רבי'ן ווי אזוי עס קען זיין אז אלע גדולי ישראל, אלע רבי'ס, קיינער האט אים נישט געקענט העלפן, און דא פלוצלונג האט דער רבי אים משפיע געווען א ישועה? האט דער רבי געענטפערט "אמאל איז דא אז מ'וויל אראפ נעמען א עפעלע וואס ליגט הויך אויפן בוים, מ'קלאפט און מ'קלאפט און דאס עפעלע פאלט נישט אראפ, אבער נאך אסאך קלאפן קען זיין אז עס זאל קומען א קינד און געבן א שוואכע קלאפ און דאס עפעלע זאל אראפפאלן, אזוי אויך דא, נאכדעם וואס אלע צדיקים האבן שוין געקלאפט אין נישט קיין חידוש אז איך האב מיט א קליינעם קלאפ גע'פועל'ט א ישועה".

ליידער, ווען דאס קינד איז אלט געווען דריי יאר איז ער אריינגעפאלן אין א ברונעם, און ער איז נפטר געווארן.

ווען עס איז געקומען די שווערע צייטן אין די מלחמה יארן, האט מיך רבי אלעזר ז"ל אריינגערופן אין א צימער, איך בין געווען א זעכצן יעריגער בחור, און ער האט מיר געזאגט אז ער וויל מיט מיר רעדן א סוד. ער האט מיך דעמאלטס געבעטן אז אזוי ווי ער האט נישט קיין קינדער זאל איך צוזאגן אז איך וועל לערנען משניות און זאגן קדיש נאך איהם.

איך האב געהאט צוויי עלטערע ברודער, זייער חשוב'ע תלמידי חכמים, איינער פון זיי האט שוין ביי די אכצן יאר דריי מאל מסיים געווען ש"ס. איך האב זיך געוואונדערט פארוואס ער זאגט דאס פאר מיר ווען איך האב געהאט צוויי עלטערע ברודער.

א צייט שפעטער האט מען נעבעך אלע אוועקגעפירט קיין אוישוויץ. רבי אלעזר מיט זיין רביצין זענען געגאנגען אויף קידוש ה', און נישט איבער געלאזט קיין דורות. (צו פארשטיין וואס עס איז געווען רבי אלעזר מיטן טאטן ז"ל, איז גענוג צו דערציילן לדוגמא, אז אויפן וועג קיין אוישוויץ האבן זיי געלערנט אינאיינעם חסד לאברהם פונעם זיידן פונעם חיד"א ז"ל, איך בין - פונאנדערגעשיידעט - דארט געזעסן נעבן זיי, אנקומענדיג קיין אוישוויץ האט דער טאטע ארויסגעקוקט פונעם קליינעם פענסטערל און ער האט געזאגט מלא פחד "אלעזר, דו זעהסט נישט?! מלא קליפות, איך ווייס נישט וואו זענען מיר דא? עס איז מלא קליפות יעדע ריר...)" ער איז נעבעך געגאנגען צוזאמען מיטן טאטן אויף קידוש ה'. מיינע עלטערע ברודער זענען אויך אוועק, און דאן האב איך פארשטאנען פארוואס ער האט פונקט מיך אויסגעקליבן צו האלטן זיין יארצייט.

מיט אסאך יארן שפעטער ווען עס איז צו מיר געבוירן געווארן דאס עלטסטע איניקל, ביי מיין איידעם הרה"ח ר' משה הערש קליין שליט"א מנה"ר בת"ת, האב איך געפרעגט דעם רבי'ן וועלכן נאמען צו געבן, האט דער רבי געהייסן געבן א נאמען נאך מיין טאטן "יושע", נאר אזוי ווי ער איז יונגערהייט אוועק אויף קיה"ש האט דער רבי געהייסן צוגעבן א נאמען נאך א זיידן. האב איך געזאגט אז איך האב שוין געגעבן אלע נעמען פאר מיינע קינדער.

זאגט דער רבי "דער רב (מרן הק' בעל דברי חיים זי"ע) האט דאך געגעבן די נעמען נאך די סדרה", עס איז געגאנגען פרשת פנחס, דער רבי טראכט אריין און ער רופט זיך אן גיב צו א נאמען "אלעזר", פנחס בן אלעזר בן אהרן הכהן...

איך בין געווארן ווייס ווי די וואנט ווען איך האב געהערט ווי דער רבי שטעלט

צוזאמען די צווי נעמען "יהושע" מיט "אלעזר"... דער פרעגט מיך "וואס איז? עס איז נישט קיין שיינער נאמען?!".

האב איך דערציילט פארן רבי'ן די גאנצע מעשה, ווי רבי אלעזר האט מיך געבעטן אז איך זאל האלטן זיין יארצייט און זאגן קדיש נאך אים, און דא וואלט דאך דער רבי געקענט זאגן אויך פנחס און אהרן, און דער רבי האט גאר געזאגט 'אלעזר'.

דער רבי הערט מיך אויס און ער רופט זיך אן "ווייסט וואס כ'וועל דיר זאגן, ס'איז מיר אויך א פלא, ס'איז מיר אויך א פלא"... (ישראל שלום הכהן פריעדמאן, שמואל אהרן הכהן פריעדמאן,

תתתתשעד) עס האט דערציילט אונזער זיידע-עלטער זיידע

## הרה"ח ר' זלמן ליכטמאן ע"ה

### דער גרעסטער שונא פארן יצר הרע

מיין מאמע ע"ה איז געווען א טאכטער פון החסיד הצדיק רבי זימל ליכטמאן ז"ל פון מארגערעטען, ער איז געווען א תלמיד פונעם **קדושת יום טוב זי"ע**, און איז געווען א שם דבר פון א געהויבענער חסיד'ישער איד, א חסיד עליון, און אן איש צדיק. אידן פון מארגערעטען וואס האבן אים געקענט האבן אלע גערעדט פון אים מיט א געוואלדיגן התפעלות און הערצה, דערציילענדיג פון זיין געהויבענע עבודה און פון זיין געוואלדיגן גאונות וואס איז געווען להפליא.

ר' זימל ז"ל האט דערציילט, אז זייענדיג א בחור אלס תלמיד אין די ישיבה פונעם קדושת יו"ט זי"ע איז געווען דער סדר אז יעדן פרייטאג-פארטאגס פלעגט דער קדושת יו"ט זי"ע פארלערנען א שיעור אין די סוגיא וואס מ'האט דאן געלערנט. נאכ'ן שיעור איז ער געגאנגען אין מקוה און דערנאך זיך געשטעלט דאווענען. אויפן וועג צו די מקוה פלעגט ער צוזאמען מיט די תלמידים איבערשמועסן די ענינים וואס מ'האט גערעדט ביים שיעור.

איין פרייטאג אויפ'ן וועג צו די מקוה האט דער **קדושת יום טוב זי"ע** באגעגענט א בחור קומען פון די פארקערטע ריכטונג. האט דער קדושת יו"ט אים געפרעגט פארוואס ער איז נישט געווען ביים שיעור. האָט דער בחור געענטפערט אז אזוי ווי עס איז פרייטאג האט ער געזאגט תהלים.

האט דער קדושת יום טוב זיך אנגערופן צו די תלמידים: "קינדערלעך זיסע, דער גרעסטער שונא פאר'ן בעל דבר איז גמרא מיט תוספות" מיינענדיג צו זאָגן אַז אויף דעם פארליעגט זיך דער בעל דבר דאס מערסטע. (שמעון יואל ליכטמאן, אהרן יושע ליכטמאן)

תתתתשעה) עס האט דערציילט אונזער זיידע

## הרה"ח ר' משה פאגעל הי"ו

### בין אדם לחברו

עס האט מיר דערציילט הרה"ח ר' ליפא ווייזער ע"ה (פאר די צווייטע וועלט מלחמה איז עכר געווען א קרוב פאר מיין פאטער ז"ל) אז זיין זיידע **הרה"ח ר' מנחם מנלי ווייזער ז"ל**, איז געווען א גרויסער בעל מידות, און א חסיד פון **הרה"ק רבי אייזיק'ל מזידיטשוב זי"ע**.

נאכדעם וואס זיין זיידע איז נסתלק געווארן האט הרה"ק רבי אייזיקל געזאגט אז ווען איינער ווערט נסתלק איז מען אים דאך דן ביים בי"ד של מעלה, אין די פריערדיגע דורות האט מען זייער מדקדק געווען אויך אויף מצות שבין אדם לחברו, מ'איז עס שווער אדורך, אבער אין די היינטיגע דורות וואס די נסיונות זענען אזוי גרויס איז מען שוין נישט אזוי מדקדק אויף מצות שבין אדם למקום, מ'גייט עס גרינג דורך כמשחל בניתא מחלבא, אבער אויף מצות שבין אדם לחברו איז אויך היינט אזוי ווי אמאל, מ'גייט עס שווער אדורך, און מ'איז זייער מדקדק דערויף.

האט זיך רבי אייזיקל אויסגעדרוקט "אונזער מנלי איז בתוך השלשים, ער איז שוין אלעס א דורך און ער איז שוין געקומען אויף זיין פלאץ". (שמעי' ברוך גאלד, ירמי' מאיר גאלד)

תתתתשעו) עס האט דערציילט אונזער זיידע

## הרה"ח ר' שמואל הכהן פריעדמאן שליט"א משב"ק

### דער זעלבער וועג...

עס האט מיר דערציילט א איד, א תלמיד פונעם **פאפא רב בעל ויחי יוסף זצ"ל**, אז ער פלעגט מיטקומען מיט זיין רבי'ן ווען ער פלעגט קומען צום טיש פון רבי'ן **כ"ק מרן בעל דברי יואל ז"ל** עטליכע מאל אין יאר.

עס איז געווען אין די ערשטע יארן ווען דער **פאפער רב ז"ל** האט נאך געוואוינט אויף היוז סט. און דער רבי פלעגט נאך פירן טיש אין קליינעם ביהמ"ד אויף 500 בעדפארד עוו. איז איינמאל אויסגעקומען אז אין דעם זעלבן שבת ווען דער פאפא רב איז געקומען צום טיש, זענען אויך געקומען **הגה"צ רבי יונתן שטייף ז"ל רב דקהל עדת יראים וויען, און הגה"צ אב"ד שאפראן ז"ל**, בעל תורת א'.

נאכן טיש האט זיך הגה"צ מפאפא אנגערופן צו די צווי גאונים וצדיקים "אונז גייען דאך אויפן זעלבן וועג" ווילנדיג זאגן אז זיי קענען אהיימגיין אינאיינעם. די דריי רבנים האבן דעמאלטס אלע געוואוינט אויף היוז סט.

האט זיך אנגערופן רבי יונתן - וועלכער איז געווען עלטער פון ביידע - מיט זיין עניוות ושפלות רוח "הלואי וואלט איך געגאנגען אין זעלבן וועג וואס איר גייט". (שמעון הכהן פריעדמאן, יעקב הכהן גלאנץ)

תתתתשעז) עס האט דערציילט מיין זיידע

## הרה"ח ר' אברהם יוסף רובינשטיין הי"ו

### געזעהן אין קוויטל

אלס אינגערמאן בין איך אמאל אריין מיט א קוויטל צו **רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע**, דער רבי איז שוין דעמאלטס געווען בערוב ימיו, און שוואך ביי די כוחות.

דער רבי קוקט אריין אינעם קוויטל, און ער ווייזט אויפן נאמען פון מיין זון מו"ה אהרן דוד נ"י, און ער פרעגט 'ווער איז דאס?' האב איך געזאגט פארן רבי'ן אז דאס איז מיין זון, דער רבי איז נישט געווען צופרידן. האט מיך דער משב"ק מיין שוואגער ר' מאיר שניצלער נ"י געפרעגט צי איך בין זיכער אז דער נאמען איז גוט געשריבן. זעהט אויס אז ער איז שוין געווען געוואוינט צו אזעלכע זאכן ווען דער רבי איז נישט צופרידן מיט קוויטלעך.

איך קוק נאכאמאל אריין אין קוויטל, זע איך אז אנשטאט 'אהרן דוד יצחק' שטייט "יצחק אהרן דוד", איך בין באלד ארויס געגאנגען און געלאזט איבערשרייבן דאס קוויטל און דער רבי האט דאס געהעריג געליינט און וואָרעם אנגעוואונטשן. (אבא רובינשטיין)

תתתתשעח) עס האט דערציילט אונזער עלטער באבע ע"ה הכ"מ אשת

## הרה"ח ר' מאיר ווייזער ע"ה

### אין זכות פון שמירת שבת

זי האט געוואוינט אין די שטאט האלאש אין שטוב פון איר פאטער הרה"ח ר' אהרן בלומענטאהל ע"ה, וועלכער איז געווען א גרויסער ערליכער איד און ירא שמים מרבים.

די שטאט איז געווען א מאדערנע שטאט, אפילו דער רב האט זיך צוגעשטעלט צום שוואכן ציבור, און ער פלעגט רעדן דרשות פארן ציבור אויף די אונגארישע שפראך. דער זיידע רבי אהרן ע"ה מיט א קבוצה חסיד'ישע אידן פלעגן נישט דאווענען אינעם שטאטישן שוהל, און זי האבן נישט געהאט קיין שייכות מיטן רב, נאר זיי האבן געדאווענט אינעם חסיד'ישן שטובל, מיטן דיין **הגה"צ רבי יחזקאל שרגא בראך זצ"ל** הי"ד. וועלכער איז געווען דער מורה דרך פאר די ערליכע אידן.

בשנת תש"ד לפ"ק זענען די רשעים אריינגעקומען קיין האלאש, און ווי זייער שטייגער זענען זיי ארומגעגאנגען פון הויז צו הויז, און זיי האבן אויפגעבראכן די טיר און ארויסגעטריבן די אידן פון די הייזער. אויך צום הויז פונעם זיידן רבי אהרן זענען זיי אנגעקומען און זיי האבן געשריגן "די באן פארט שוין, און יעדער זאל זאפארט ארויסגיין צו די באן".

דער זיידע האט אבער א שריי געגעבן מיט א פלאם פייער "ניין, עס איז שבת קודש, איך גיי נישט", די קינדער האבן זיך געבעטן צו אים אז עס איז סכנת נפשות, אבער דער זיידע האט נישט געהאלטן ביים גיין. די סאלדאטן האבן אים אנגעהויבן צו שלעפן מיט געוואלד, און ער האט זיך געראנגלט מיט זיי, ביז איינער האט אים געוואלט הרג'ענען, האט א צווייטער געזאגט "אז ער וויל נישט גיין היינט, וועט ער גיין מיט די קומענדיגע טראנספארט", און זיי האבן איהם איבער געלאזט אינדערהיים.

אינמיטן די וואך איז אנגעקומען דער צווייטער טראנספארט, און דארט האט מען ארויפגעלאדנט דעם זיידן מיט די גאנצע משפחה, אויך די באבע ע"ה איז געווען אויף דעם טראנספארט.

בדרך נס איז דער טראנספארט נישט געפארן קיין אוישוויץ ווי אלע אנדערע טראנספארטן, נאר זי איז אנגעקומען קיין טרעזינשטאט ווי די באבע מיט די משפחה זענען געווען די גאנצע צייט, און זיי האבן דארט געארבעט עבודת הפרך במשך דעם גאנצן יאר. דארט האבן זיי זיך אויך באגעגענט מיט **כ"ק מרן רבינו הגה"ק בעל ברך משה זי"ע** וועלכער איז דארט אנגעקומען אין די לעצטע תקופה פון די מלחמה.

א יאר דערויף, אין חודש אייר תש"ה, זענען זיי באפרייט געווארן מאפילה לאור גדול. האט זיך ארויסגעשטעלט אז די גאנצע משפחה איז ניצול געווארן פון טויט אין זכות פון מסירות נפש אויף שמירת שבת קודש. (לע"נ האה"ח יוטל ליפשא בת ר' אהרן ע"ה, זי איז נפטר געווארן פארגאנגענעם שב"ק העעל"ט)(אהרן בערגער, גדלי' בערגער, וואלף בערגער, מאיר בערגער).